Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

**Najer Folksblat** פרייז 20 גראשען

# היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

אומפארטייאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

Nr. 253/1248 | Łódź, Niedziela 6 Listopada 1927 | פינפטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, יא מרחשון תרפ"ח | Nr. 253/1248

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 71-24. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 2471.

KONJAKI
V. S. O. P.
Jubileuszowy — Rés. Spéciale
Winiak Médicinal — Winiaki mieszane

Winkelhausen

WÓDKI – LIKIERY
Stołowa — Starka — Żytniówka
Banan — Morelówka
Grand Cardinal — Cordial Médoc

ZAKŁADY PRZEMYSŁOWE WINKELHAUSEN, TOW. AKC. STAROGARD-POMORZE. ZAŁ. 1846.

## בעקאנטמאכונג.

היינט זונטאג, פ' וירא (דעם 11. נאוועמבער), 7.30 א זייגער אין אוונט קומט פאר אין אגודה-לאקאל, נארוטאוויטשא 11, א גרעסערע פערזאמלונג וועגען דער גרינדונג פון

## די ערשטע קאאפעראטיוו-באנק (BANK SPÓŁDZIELCZY)

פון בלויז רעליגיעזע יודען.

אלע פערזאנען, וועלכע האבען ערהאלטען איינלאדונגס-קארטען, ווערען געבעטען פינקטליך צו ערשיינען. דער ארגאניזיר-קאמיטעט.

142

## גרויסע חנוך הספר תורה-פייערונג

### פון דער חברה „כתר ישראל".

היינט, זונטאג, פרשת וירא י"א מרחשון (דעם 6-טען נאוועמבער) 6 א זייגער אין אוונט וועט אין ווארשאווער זאל פאלודניאווא 36 פארקומען א גראנדיעזע

## חנוך הספר תורה-פייערונג

מיט דער בעטייליגונג פון די אין לאדז בעריהמטע יונגע חזנים'לעך דער 15-יעהריגער דוד'ל ווייסבערג און דער 14-יעהריגער פייוועלע אסטראוויעצקי מיט א כאר פון 15 פערזאן, מיט מוזיק.

בעמערקונג: פרויען ווערען העפליך געבעטען צו קומען נעהמען די ידיעות זונטאג דעם 6 נאוועמבער ד. י. פון 12 א זייגער מיטאג אין ווארשאווער זאל פאלודניאווא 36.

מיט אכטונג
די חברה „כתר ישראל".

916

היינט, זונטאג, דעם 6. נאוו. ד. י., פינקטליך 5 א זייגער נאכמ. קומט פאר אין סוחרים-פאבריקאנטן-פעראיין, פאלודניאווא 15

## א פראטעסט-פערזאמלונג

איז צוזאמענהאנג מיט די לעצטע פערשארפטע עקזעקוציע-מיטלען געגען די לאדזער סוחרים.

אלע מיטגלידער ווערען דרינגענד אויפגעפאדערט פינקטליך צו קומען.
די פערוואלטונג.

141

## אײלט צום גליק!

און קומט קויפען א גליקליך לאס אין מיין גליקליכען לאטעריע-געשעפט אין וועלכען עס זענען שוין פיל מענשען גליקליך געווארען.

ביז איצט זענען ביי מיר געפאלען פאלגענדע געווינסען:

### פרעמיע 302,000 זל. אויף'ן נומער 42,630.

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 50,000 זל. | אויף'ן נומער | 101.750 | 5,000 זל. | אויף'ן נומער | 12.082 |
| 50,000 | " " | 72.883 | 3,000 | " " | 43.174 |
| 10,000 | " " | 87.801 | 2,000 | " " | 36.921 |
| 5,000 | " " | 42.615 | 2,000 | " " | 61.190 |

און נאך, נאך פיל אנדערע געווינסען.

די ציהונג פון דער 1-טער קלאס קומט פאר שוין די וואך, דעם 10 און 11 נאוועמבער ד. י. דעריבער אײלט מיט'ן קויפען, דען עס איז נאך געבליבען זעהר א קליינע צאהל לאסען.

## הויפט-געווינס 650,000 זל.

פראווינצער קענען איינצאהלען אויף דער קאנטא פ. ק. א. № 63.802.

לאטעריע-קאנטאר י. ה. ליטמאן, לאדז פיעטריקאווער 32 טעלעפאן 72-44.

## האנדווערקער פון אלע פאכען

### מיטגלידער און נישט-מיטגלידער!

אין צוזאמענהאנג מיט'ן צעכען-געזעץ, וועלכער טרעט אריין אין קראפט

## דעם 15 נאוועמבער ד. י.

ווערט איהר אלע אויפגעפאדערט, כדי נישט צו פערלירען אייערע רעכט אויף ארבייט, תיכף זיך רעגיסטרירען אין לאקאל, זאוואדזקא 5, טעגליך צווישן 7 און 10 אוונט.

דער האנדווערקער-ראט
זאוואדזקא 5.

153

## די קאלאניאל-קליינהענדלער-פעריין

(צעגעלניאנא 15) מעלדעט אלע זיינע מיטגלידער, אז עס איז שוין ארויס דער צעטיק נומ' 12, בעשטעטיגט פון ליכווע-אמט.

144

דערמיט ערקלערען מיר דעם צעטיק נומער 11 פאר אונגילטיג.
די פערוואלטונג.

דאס בעקאנטע גרופען-בילד

## די גאוני ישראל

איז ערשינען אין א נייער פרעכטיגער אויפלאגע.
פרייז 2 זל.
ביים צושטעלען דעם אנאנס —

## נאך 60 גראשען.

צו בעקומען אין דער אדמיניסטראציע פון „נ. פאלקסבל."
שניידט אויס! שניידט אויס!

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבע פריינדין
פרל. טאבטשע פשאטאווסקא (לאדז)
מיט ה' לעאן מאשקאוויטש (פאביאניץ)
ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט
בנימין און טאלא זילבערבערג.

89

## נויטיג א שותף

צו א דאמען-קאנפעקציע פראנטאזע געשעפט. דער פונקט איז דער בעסטער האנדעלס-צענטרום אין דער שטאט, ווי אויך איך אלע בראנזשעס. מיט דאמען-הוטען איז אויך זעהר פאסענד. מיט וויי-ניג קאפיטאל קען מען צו טרעטען. אפערטען אונטער „שותף".

## יודישער געפליגעל-הענדלער-פעראיין

אין לאדז, פאמארסקא 17.

## אויפפאדערונג!

דערמיט פאדערן מיר אויף אלע יודישע געפליגעל-הענדלער אין לאדז

צו קומען צו דער

## אלגעמיינער פערזאמלונג

וואס קומט פאר היינט, זונטאג, פינקטליך 4 א זייגער נאכמיטאג אין לאקאל פון אונזער פעראיין פאמארסקא 17 וועגען דער פראגע פון פרעמדער שחיטה

### עס ווערען געבעטען צו קומען צו דער פערזאמלונג אויך אלע הענדלער פון לעבעדיגע עופות.

די פערוואלטונג.

154

Dr. Med. **I. WEINBERG**

**Cegielniana 47, tel. 6-02.**

אינערליכע קראנקהייטען, ספעציעל פאר לונגען- און הארץ-קראנקהייטען, בעשטראהלונגען און קינסטליכע בערג-זון. נעמט אן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 6-7.

Dr. med.
**WOLF EYCHNER**

פרויעז · קראנקהייטען און אקושעריע

זגיערזשער 11 טעל. 34-72.

נעהמט אן אין דער לעטשניצע פעטריקאווער 294 פון 12—2 נאכם. און דערהיים פון 6-8 אוו.

Lekarz D-ta
JULJUSZ
**Olszaniecki**

נעהמט אן פון 11 ביז 2 נאכם. און פון 7 ביז 8 אין אוונט.
אויסשליסליך ציין-ציהען
Cegielniana 57 t. 61-40

